NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08282

FAR KLEYN UN GROYS

Sem Liptsin

*Permanent preservation of this book was made possible
by Betty Gould mit ire kinder un eyniklekhe
in honor of Gerard S. Abraham
on the occasion of his 80th birthday*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַרלאַג „אמכאָ“ • ניו יאָרק, 1957

FAR KLEIN UN GROIS

HUMORISTISHE LIDER

SAM LIPTZIN, 2815 Barker Avenue, Bronx 67, N. Y.

פאַר קליין און גרויס

FAR KLEIN UN GROIS

•

Copyright, 1957, by
SAM LIPTZIN
New York, N. Y.

•

PRINTED IN U.S.A.

פּראָמפּט פּרעס
113 — 4טע עוועניו, ניו יאָרק 3, נ. י.
209

אַ דאַנק
י. זעלדין
פאַרן שער־בלאַט
לואיס סמיט
פאַר דער טראַנסליטעראַציע

פונ׳ם זעלבן מחבר:

גוט מאָרגן
אַ פריילעכס
קריג און זיג
קאַמפּסלוסטיג
לאָמיר זינגען
ניט געדאַיגעט
אַ גוט־יאָנטעוו
הערט אַ מעשה
רויטע פּעפּערלעך
פאַר רויטע אָונטן
שפּיל — צום ציל
אַמאָל איז געווען...
לעבעדיג און לוסטיג
פאַר פרייד און פרידן
מיט געזאַנג אין קאַמף
געקעמפט און געלאַכט
אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט
צע־לאַכ־עס די טרערן
אויף לייטיש געלעכטער
איך לאַך פון דער וועלט
פּראָוואָקאַטאָרן, אַ שאַנד פאַרן
אידישן פאָלק! (פּאַמפלעט)
קוועקזילבער׳ס פּענשטיפּערייען
„אין ספּאַיט אָוו טיערס" (ענגליש)
אויף וואַקאַציע

גרייט צום דרוק:

1) „נעכטיגע טעג" (מעשה׳לעך
פון די קינדער־יאָרן)

2) „פון שטאָט צו שטאָט"
(רייזע עפּיזאָדן)

3) „הומאָריסטישע לידער,
אַפאָריזמען און עפּיגראַמען"

INHALT

(Contents)

Mir Veln Batzoln! 9
Der Kleiner Einstein 11
Dos Ketzele 13
Der Bobes Vuntsh 15
Lost Mich Oisvaksn 17
Zumer-Leb 19
Zai A Mentsh 21
Es Rut Der Taich 23
Der Zeiger Hot A Gutn Kop ... 25
Ich Hob Lib Yomtev.......... 27
Er Iz Foil A Grail 29
Tzu Vos Iz Nacht?.......... 31
Er Hot A Teretz 31
Fregt Di Lererin 33
Vos Main Tate Kon 35
A Rendl A Vort 35
A Modner Ingl 37
Iz Dos Emes? 37
Tzuzamen Mit Tate Mamen ... 39
Nit Tzu Shpet 39
H'kon Lebn 41
Der Guter Joe 41
Der Shnei-Mentsh 43
Lernt Kinderlech 45
Ven Ich Vel Grois Zain 47
Retenishn 47
Der Fish-Chaper 49
A Libe 51
Er Vil An Entfer 53
Main Tate Iz A Maister 53
Aza Goilem 55
Efsher 55
Der Lerer 57
Ven Zeide Vet Rittaiern 59
Der Zeiger 61
In Droisn Falt A Shnei........ 61
Vi Gut Es Iz Tzuzamen 63
A Vunder 63

אינהאַלט:

דער מחבר אין אַ נייער ראָלע —
פאָרוואָרט פון דבורה טאַראַנט 5
מיר וועלן באַצאָלן 8
דער קלייִנער איינשטיין... 10
דאָס קעצעלע 12
דער באָבעס וואונטש 14
לאָזט מיך אויסוואַקסן 16
זומער־לעב 18
זיי אַ מענטש 20
עס רוט דער טייך 22
דער זייגער האָט אַ גוטן קאָפּ 24
כ'האָב ליב יום־טוב 26
ער איז פויל אַ גרויל 28
צו וואָס איז נאַכט? 30
ער האָט אַ תירוץ 30
פרעגט די לערערין 32
וואָס מיין טאַטע קאָן 34
אַ „רענדל" אַ וואָרט 34
אַ מאָדנער אינגל 36
איז דאָס אמת? 36
צוזאַמען — מיט טאַטע מאַמען 38
ניט צו שפּעט... 38
מ'קאָן לעבן... 40
דער גוטער דזשאָו 40
דער שניי־מענטש 42
לערנט, קינדערלעך! 44
ווען איך וועל גרויס זיין 46
רעטענישן 46
דער פיש כאַפּער 48
אַ ליבע... 50
ער וויל אַן ענטפער! 52
מיין טאַטע איז אַ מייסטער 52
אַזאַ גולם 54
אפשר 54
דער לערער 56
ווען זיידע וועט „ריטאַיערן" 58
דער זייגער 60
אין דרויסן פאַלט אַ שניי 60
ווי גוט עס איז צוזאַמען 62
אַ וואונדער... 62

י. זעלדין — שער־בלאַט
לואיס סמיט — טראַנסליטעראַציע

אַ דאַנק אייך!

אין דעם גרויסן געראַנגל פאַר אַ זוניגן מאָרגן, וואָס וועט זיכער קומען, לעבן מיר איבער שווערע טעג.

פיל איך זיך גליקלעך, ווען עס געלינגט מיך אָפט מיט מיין שרייבן אַרויסצורופן אַ שמייכל ביי אידישע פאָלקס־מענטשן, יונג אָדער אַלט.

עס איז פאַר מיר די בעסטע באַלוינונג, ווען איך קאָן מיט מיין וואָרט זיך באַטייליגן אין קאַמף פאַר פרידן און פרייד.

ביי דער געלעגנהייט דריק איך אויס מיין האַרציגן דאַנק צו די ספאַנסאָרס, צום בוך־קאָמיטעט און צו די לייענער און פריינט, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון מיין פינף־און־צוואַנציגסטן בוך.

סעם ליפּצין

ניו יאָרק

הערי קעסלער
דר. מאַקס סילווער
(דעם שול־בויער, לזכרון זיין טאָכטער עוועלין)
נעטי און נייטאָן גאָלוב
סאָפי באָבריק
אַנאַ וויסמאַן (די מאַמע)
ראשע און יוסף שאַפּיראָ
א. מאגידסאָן
מרים באומעל
דוד שקלאָר
דזשוליוס באַרנבאום
היימאַן סילווער
שמואל און דבורה בעקער
יעקב און פייגל אדלער
גאָלדע דוביצקי
(לזכרון דעם קולטור־טוער אברהם)
א. פּאָזנאַק
רובין האָך
יוסף אוןביילע טשאַרנאָווער
חיים שלמה נאגאָשינער
שמואל קאופמאַן
סעם הייבער
פיליפּ גאָלדבערג
העלען ראָזענמאַן
אָסקאר לאנדיס
דוד קיש
יוסף ווין
פּאול טשערי
אברהם ראַמבאַם
דזש. קאָבלענץ
שרה שקאָלניק
אברהם קאַלב
מאריס שניידערמאַן
לייבל האָפּמאַן
אַראָן זאַליטשין
טעסי בעלקין
מאַקס מאַנדעל
בעסי סיגל
מיני מאקאָווסקי
סערע קאָהן
ווים קאופמאַן
סאָל פּאַסיקאוו
אוירווינג און פרוי אדעסער
סעם און אסתר סטוירן
עליאס מאַרקס
אסתר און סעם קעלערמאַן

איבער׳ן לאַנד

אסתר און יעקב ר. פעלדמאַן
טשאַרלז און חנה פרידמאַן
וועלוול און איידע קאַפּלאַן
ווים דאַנציג
מר. און מיסעס זעלמאַן
מר. און מיסעס רובין
באריס און יעטא גורשטיין
יוסף און ראוז גרינשפּאַן
סעם לעווין
(לזכרון זיין פרוי איווא)
שאול האָפּמאַן
י. און סיידי דזשייקאָבסאָן
נ. קאָהן
ט. פייגען
נייטאן קאַרפּילאָוו
משה און חיה אָקרענט
מענדל און חיה גאָלדע עסטרין
מאָריס סיטרין
חוה און ישראל שורעק
דזש. קאָרט
סאל רעכטמאַן
הערי מאַרגאָליס
העלען ראָזענאָף
דר. לעאָ און טילי מייזאָוו
פרענק און פרוי מעלניק
ווים דזש. קאָלקער
בערטא און חיים עפּשטיין
שמואל און איוואַ שוואַרץ
אַנאַ בונין
סעם בלייוואס
אסתר און איזי בעקער
סילוויע און דזש. קאָהן
סעם און פרידא ברענער
יעקב ראבינאוו
סעם און בעטי ראבינאָוו
איזידאָר לעווין
משה און פרוי ראַהינסקי
מ. און מאַרטא לענשיטץ
נייטאן און סילוויע אפּעל
ש. י. רעלין
אייב און מערי ראָזען
ראוז ווייס
דוד און פרוי סיימאָן
מאָריס און חנה בין
סעם מאנעוויטש
סאָפי נוגער
יעקב און יהודית מייסטער
ליבי שאַפּיראָ

דער מחבר אין אַ נייער ראָלע

פאָרווערטס — פון **דבורה טאַראַנט**

סעם ליפּצין איז גוט באַקאַנט דעם ברייטן עולם אידישע לייענער, ווי אַ שרייבער, וואָס רופט זיך אָפּ מיט זיין בייסיגן סאַטירישן פערז און אַפּאָריזם, און מיט זיין הומאָריסטישער דערציילונג אויף די ברענענדיגע פראַגן פונעם טאָג. איצטער קומט ער אַרויס אין אַ נייער ראָלע. ער שרייבט ניט נאָר פאַר דערוואַקסענע, נאָר אויך פאַר קינדער.

פאַר קינדער האָט סעם ליפּצין (פּעטער שעפּסל), אָנגעהויבן שרייבן, ווען זיינע צוויי געראָטענע אייניקלעך האָבן זיך אָנגעהויבן לערנען אין אַ אידישער שול און ווען זייער מוטער, זיין טאָכטער, איז געוואָרן אַ לערערין. איצט איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ זאַמלונג אידישע קינדער לידער.

אין אָט דעם בוך ווייזט דער מחבר אַרויס אַ טיפע ליבשאַפט צום קינד און אַ זעלטענע פאַרשטענדעניש פון זיין נשמה. ער רעדט צום קינד מיט אַ וואַרעמן שמייכל און אַ שפּילעוודיגן פינקל אין די אויגן.

ליפּצין שרייבט די לידער האָבנדיג אין זינען די אידישע היים פון דעם יונגן אַמעריקאַנעם דור. דורך דער ענגלישער טראַנסליטעראַציע פון יעדן ליד קריגט די יונגע אַמעריקאַנער אידישע מאַמע, וועלכע פאַרשטייט אַביסל אידיש, אַ מעגלעכקייט דאָס פאָרצולייענען פאַר איר קינד, און מיט אים צוזאַמען הנאה האָבן פון דעם שפּילעוודיגן, הומאָריסטישן פערז. אויף אַזאַ אופן ווערט דאָס אידישע ליד אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין דער יונגער אַמעריקאַנער אידישער היים.

אָפּטמאָל — אויף אַ הומאָריסטישן, און אַן אַנדערש מאָל — אויף אַ מער ערנסטן אופן פירט אונז דער מחבר אַריין אין דעם קינדס קליין, און דאָך, פאַר אים זייער רעאַל וועלטל, וואָס דרייט זיך אַרום טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע, שול־לערער און אַנדערע נאָענטע מענטשן. אָט זעען מיר ווי די איי־

ניקלעך גייען שפּאַצירן מיטן זיידן און בעטן, אַז ער זאָל דערציילן איינע פון זיינע שיינע מעשה׳לעך. זיי זאָגן אים צו:

וועז מיר וועלן אויסוואַקסן,
און האָבן אייניקלעך ווי דו,
וועלן מיר זיי דערציילן די מעשה׳לעך,
וואָס דערציילט צו אונז האָסטו.

אין אַ צווייטן ליד הערן מיר, ווי דאָס קינד גאַרט שוין נאָך דער צייט, ווען דער זיידע וועט „ריטאַיערן״ און וועט קענען מיט אים זיך כסדר שפּילן. די באָבע אָבער איז פאַר׳דאגה׳ט:

אויב זיידע זאָל ניט אַרבעטן,
וואו וועט זי נעמען געלט?

אין אַט־דעם ווערטל פאַרנעמט די אידישע קינדער־שול זייער אַ בכבוד׳יגן אָרט. יודעלע זאָגט, צום ביישפּיל, אַז „ווען איך וועל גרעסער ווערן״ —

וועל איך קלאַפּן אין די טירן און רופן:
שיקט די קינדער אין שול אַריין.

אָבער דער פוילער איציקל, ווען ער פאַרשפּעטיגט אין שול, פאַרענטפערט ער זיך פאַרן לערער מיט אַ לצ׳וואַטן ענטפער:

מיין טאַטע זאָגט, אַז לערנען זיך,
איז קיינמאָל ניט צו שפּעט.

די דאגות פּרנסה פון דער אַרבעטער־משפּחה גייען אויך דעם קינד ניט פאַרביי. אַט לייענען מיר:

מיין טאַטע איז אַ מייסטער,
ער מאַכט די גאַנצע וועלט,
ער מאַכט אַלץ, וואָס ער וויל,
נאָר קען ניט מאַכן געלט.

ליפּצין פירט פאַר אונז אַרויס אַ גאַנצע גאַלעריע קינדער, קינדער לע־בעדיגע, שטיפערישע, פאַר׳חלומ׳טע, נייגיריגע און „פוילע״. ער פירט אונז אַריין אין די פאַרשיידנאַרטיגסטע ווינקעלעך פון דעם קינדערשן לעבן. שפּיל פאַרנעמט זייער אַ גרויסן פּלאַץ ביי זיינע קינדערשע „העלדן״, אָפּטמאָל פאַר־טראַכטן זיי זיך אָבער אויך איבער ערנסטע פראַגן. אַט פרעגט זיך אַ קינד: „וואָס וועל איך זיין, ווען איך וועל אַ גרויסער ווערן?״ און ער קומט צום באַשלוס:

נאָר צו וואָס זיך זאָרגן איצט,
זאָל נאָר שלום ווערן.
וועט מען מיך לאָזן אויסוואַקסן,
וועל איך האָבן צייט צו קלערן.

פּעטער שעפּסלס בוך „פאַר קליין און גרויס״, איז באמת אַ שיינע „מתנה די קינדער און אייניקלעך״, און אַ ביישטייער צו דער אידישער קינדער־ליטעראַטור אין אַמעריקע. אויך יעדער דערוואַקסענער, וואָס האָט ליב קינדער, וועט פון דעם הנאה האָבן.

Dedicated to
my grandchildren
KAREN *and* IRA

פאַר קליין און גרויס

מיר וועלן באַצאָלן!

דער זיידע מיט די אייניקלעך
גייען זאַלבעדריט.
קיילע רעכטס, איציק לינקס,
און דער זיידע אינדערמיט.

אין דער שולע גייען זיי
מיט אַ שפּילעוודיגן גאַנג.
זיי האָבן ליב צו שפּילן זיך,
און צו לערנען אַ פאַרלאַנג!

זיידע, בעטן זיי, דערצייל
דאָס מעשה'לע פונם נאַר,
לאַכט דער זיידע: זייער גוט,
אָבער, וואָס קריג איך דערפאַר?

גיט איציקל מיטן אויג אַ וואונק,
און קיילעלע אַ זיסן לאַך:
מיר וועלן, זיידע, באַצאָלן דיר
מיט גאָר אַ גוטער זאַך:

ווען מיר וועלן אויסוואַקסן,
און האָבן אייניקלעך ווי דו,
וועלן מיר דערציילן זיי די מעשה'לעך,
וואָס דערציילט צו אונז האָסטו!...

MIR VELN BATZOLN!

Der zeide mit di einiklech
Geien zalbedrit.
Keile rechts, Itzik links
Un der zeide in der mit.

In der shule geien zei
Mit a shpilevdikn gang.
Zei hobn lib tzu shpiln zich,
Un tzu lernen a farlang.

Zeide, betn zei, dertzeil
Dos maisele funm nar!
Lacht der zeide: zeier gut,
Ober, vos krig ich derfar?

Git Itzikl mitn oig a vunk,
Un Keilele a zisn lach:
Mir veln, zeide, batzoln dir
Mit gor a guter zach:

Ven mir veln oisvaksn
Un hobn einiklech vi du,
Veln mir dertzailn zei di maiselech
Vos dertzeilt tzu unz hostu!

דער קליינער איינשטיין...

עס לערנט עזרי זיך ציילן,
וויל חשבונות נאָר פירן.
לויפט ער אַרום איבערן הויז,
ציילט פענצטער און טירן.

איז ער פאַרטיק מיט דעם —
ציילט ער די שטולן, די טישלעך,
דערנאָך נעמט ער ציילן —
וויפיל האָבן זיי פיסלעך?

ביים שפּיגל פאַררייסט זיך
עזרי דער קליינער.
פּרואווט אין שפּיגל צו ציילן
פון מיילעכל די ציינער.

און ווען זיין מאַמע נעמט
פאַר אים אַן עפּל שיילן,
נעמט ער צוזאַמען די קערלעך
און האָט שוין וואָס צו ציילן.

נאָר ווען ער האָט איינמאָל געציילט,
וויפיל פינגער ער האָט צוזאַמען,
האָט ער באַרעכנט ניינצן נאָר
און געוויזן זיי דער מאַמען.

האָט די מאַמע זיך צעלאַכט
פון איר איינשטיין דעם קליינעם.
און געהייסן אים זוכן —
צו די פינגער נאָך איינעם.

באַלד האָט עזרי זיך געכאַפּט,
פון פרייד גענומען טאַנצן:
ער האָט דעם ווייז־פינגער פאַרזען —
פאַרגעסן גאָר אינגאַנצן...

DER KLEINER EINSTEIN

Es lernt Ezri zich tzeiln,
Vil chezhboines nor firn.
Loift er arum ibern hoiz,
Tzeilt fenster un tirn.

Iz er fartig mit dem,
Tzeilt er di shtuln, di tishlech,
Dernoch nemt er tzeiln:
Vifil hobn zei fislech?

Baim shpigl faraist zich
Ezri der kleiner,
Pruvt in shpigl tzu tzeiln
Fun mailechl di tzeiner.

Un ven zain mame nemt
Far im an epl sheiln
Nemt er tzuzamen di kerelech
Un hot shoin vos tzu tzeiln.

Nor ven er hot einmol getzeilt
Vifil finger er hot tzuzamen,
Hot er barechnt naintzn, nor
Un gevizn zei der mamen.

Hot di mame zich tzelacht
Fun ir Einstein, dem kleinem
Un geheisn im zuchn
Tzu di finger nocheinem.

Bald hot Ezri zich gechapt,
Fun freid genumen tantzn:
Er hot dem tzeig-finger farzen—
Fargesn gor in gantzn!

דאָס קעצעלע

איך האָב זייער ליב דאָס קעצעלע,
ווען עס לויפט איבערן הויז.
נאָר פאַרטראָגן קאָן איך ניט,
ווען זי שפּילט זיך „קאַץ און מויז" . . .

פאַר אַ הינטל האָט זי מורא שטאַרק,
איז זי שטענדיג אויף דער וואַך.
און גיט דאָס הינטל אַ האָווקע נאָר,
מיאוקעט זי שוין אויפן דאַך . . .

אומעטום זי לויפט מיר נאָך,
נאָר איך היט זיך פאַר אַ קראַץ . . .
זי חנפ'עט זיך ווי אַ קעצעלע,
נאָר פאַלש איז זי ווי אַ קאַץ . . .

מילכיגס האָט זי זייער ליב
און פליישיגס אויך ניט שלעכט . . .
דערשמעקט זי וואו אַ פּופּיקל,
מאַכט זי דאָס באַלד צורעכט . . .

זי גייט אויך ניט שטיל פאַרביי,
ווען זי דערשמעקט ביים טיש,
וואו עס שטייט אַ פּאַלומעשקע
מיט פיינע שטיקלעך פיש.

זי גיט אַ שמעק און גלייך אַ לעק.
אַבי עס איז נאָר עפּעס דאָ.
זי וואַשט גלייך אָפּ די וואָנצעלעך,
און דאָס קעצל איז נישטאָ . . .

DOS KETZELE

Ich hob zeier lib dos ketzele,
Ven es loift ibern hoiz,
Nor fartrogn kon ich nit,
Ven zi shpilt zich, "katz un moiz."

Far a hintl hot zi moire shtark,
Iz zi shtendig oif der vach.
Un git dos hintl a havke nor,
Miaiket zi shoin oifn dach!

Umetum, zi loift mir noch,
Nor ich hit zich far a kratz.
Zi chanfet zich vi a ketzele
Nor falsh iz zi vi a katz!

Milchigs hot zi zeier lib
Un fleishigs oich nit shlecht . . .
Dershmekt zi vu a pupikl,
Macht zi dos bald tzurecht.

Zi geit oich nit shtil farbai,
Ven zi dershmekt baim tish,
Vu es shteit a palummeshke
Mit faine shtiklech fish.

Zi git a shmek un glaich a lek.
Abi es iz nor epes do
Zi vasht glaich op di vontzelech,
Un—dos ketzl is nishto!

דער באָבעס וואונטש

אויסגעפוצט עס האָט זיך יאַנקל,
אין אַ גאַרניטער ווי אָנגעמאָסטן,
זיין חבר יאָסל פּרואווט צו טרעפן:
אפשר פופציג דאָלאַר מוז עס קאָסטן.

דער זיידע קוועלט און גלעט די פּלייצע,
דערביי ער האַלט אים אין איין זאָגן:
עס פּאַסט דיר פיין, גאַר אַ מחיה,
„געזונטערהייט זאָלסטו עס טראָגן!"

אין די רייד קומט אָן די באָבע.
נעמט זיך יאַנקל פּאַר איר פלייסן.
באַטראַכט די באָבע דעם גאַרניטער:
„זאָלסט נאָר געזונטערהייט צערייסן!"

לאָזט זיך יאַנקל אַרויס, מיט חברה,
אין דעם שפּיל-פּלאַץ אויף די צאַמען,
צערייסט די הויזן אין צוויי פּלעצער
און אָן אַרבל אויך צוזאַמען . . .

לויפט ער אהיים גיך אַ פאַרוויינטער:
ס'איז שולדיג באָבע מיט איר „באַגריסן",
זי האָט געוואונטשן: איך זאָל צערייסן —
און דערפאַר האָט עס זיך צעריסן! . . .

DER BOBES VUNTSH

Oisgeputzt es hot zich Yankl,
In agarniter, vi ongemostn.
Zain chaver Yosel pruvt tzu trefn:
Efsher fufzik dolar muz es kostn.

Der zeide kvelt un glet di pleitze,
Derbai er halt im in ein zogn:
"Es past dir fain, Gor a mechae,
Gezunterheid zolstu es trogn!"

In di reid kumton di bobe
Nemt zich Yankl far ir flaisn.
Batracht di bobe dem garniter,
"Zolst nor gezunterheid tzeraisn."

Lozt zich Yankl arois mit chevre
In dem shpil-platz, oif di tzamen,
Tzeraist di hoizn in tzvei pletzer
Un an arbl oich tzuzamen!

Loift er gich aheim, a farveinter,
"S'iz shuldik di bobe mit ir bagrisn!
Zi hot gevuntshn, ich zol tzeraisn,
Un derfar hot es zich tzerisn!

לאָזט מיך אויסוואַקסן!...

איר פרעגט מיך, וואָס וויל איך זיין,
ווען איך וועל אַ גרויסער ווערן?
ענטפערן שוין ווייס איך ניט וואָס,
לאָזט מיר זיך באַקלערן.

זאָל איך זיין אַ פּייערמאַן?
קאָן איך ניט זען דאָס ברענען...
אפשר אַ פּאָליסמאַן זיין?
דאַרף מען שלאָגן, שיסן קענען...

אפשר לערנען זיך אויף דאָקטאָר גאָר
און דערנאָך ווערן אַ פּראָפעסאָר?
האָב איך פיינט ווי צו טאָן,
שניידן מיט אַ מעסער...

און אפשר ווערן אַ מאַטראָז,
פירן שיפן איבער ים'ען?
וויל איך ניט זיין ווייט אַוועק,
פון היים, פון טאַטע מאַמען.

קומט אוים זיין אַן אַרבעטער,
אייער פון די טויזנט פאַכן.
זע איך מיין טאַטן אַרבעטן —
ער קאָן קוים אַ לעבן מאַכן.

נאָר צו וואָס זיך זאָרגן איצט?
זאָל נאָר שלום ווערן.
וועט מען מיך לאָזן אויסוואַקסן,
וועל איך האָבן צייט צו קלערן...

LOST MICH OISVAKSN

Ir fregt mich, vos ich vel zain
Ven ich vel a groiser vern?
Entfern shoin veis ich nit vos,
Lozt mir zich baklern!

Zol ich zain a faierman,
Kon ich nit zen dos brenen;
Efsher a polisman zain?
Darf men shlogn, shisn kenen....

Efsher, lernen zich oif doktor gor?
Un dernoch vern a profeser,
Hob ich faint vei tzu ton,
Shnaidn mit a meser. . . .

Un efsher vern a matroz,
Firn shifn iber yamen
Vil ich nit zain vait avek
Fun haim, fun tate-mamen.

Kumt ois zain an arbeter
Einer fun toizent fachn,
Ze ich main tatn arbetn—
Er kon koim a lebn machn.

Nor tzu vos zich zorgn itzt?
zol nor sholem vern,
vet men mich lozn ois vaksn,
Vel ich hobn tzait tzu klern.

זומער־לעב

קינדער, עס איז זומער, דער טאָג אַזוי גרויס,
לאָמיר אַלע אינאיינעם אין גאָרטן אַרויס.
ס׳איז אַלץ אַזוי פּרעכטיג, גרין איז די גראָז,
אויף אַ צווייג זינגט אַ פויגל, אויפן פעלד שפּרינגט אַ האָז.

אין ליכט פון דער זון איז אַלץ שוין אין קאָליר.
קומט, קינדער, זיך שפּילן, קומט אַלע מיט מיר.
איר זעט אָט דעם צווייט, פון דעם מאַכט האָניג די בין.
איר זעט דאָס געוועב, דאָס איז די אַרבעט פון שפּין.

און זעט נאָר דאָ, קינדער, פון פויגל אַ נעסט —
מיט פויגל׳ס אַ קינד וואָס פּיקט שוין און עסט.
קוקט אָן די מוראַשקעס ווי זיי בויען אַ היים,
זיי גראָבן די ערד און טראָגן די ליים.

זיי פאַרגרייטן זיך אויף אַ טאָג פון נויט,
צו האָבן אויף מאָרגן דאָס שטיקעלע ברויט . . .
און דאָרט מיט די הערנער, דאָס איז דאָך אַ קו,
זי רעדט זייער ווייניג, נאָר איין וואָרט — מו . . .

אָבער זי גיט אונדז מילך, פּוטער און קעז . . .
אַ מחיה׳דיגער טרונק און געזונט צו עסן.
איצט גיט נאָר אַ צי אין זיך אָט די לופט,
פון גראָז און פון בלומען דער אָנגענעמער דופט.

און פאַרגעסט ניט, אַז איבונג איז אויך זייער גוט,
עס גיט געזונט און כוח, ס׳מאַכט וואַרים דאָס בלוט . . .
דאָס אַלץ איז נויטיג, לויט דעם אַלטן געבאָט:
ווער עס גרייט אָן אין זומער, אויףווינטער דער האָט! . . .

ZUMER-LEB

Kinder es iz zumer, der tog azoi grois.
Lomir ale in einem in gortn arois.
S'iz altz azoi prechtig, grin iz di groz,
Oif a tzvaig zingt a foigl, oifn feld shpringt a hoz.

In licht fun der zun is altz shein in kolir.
Kumt kinder zich shpiln, kumt ale mit mir.
Ir zet ot dom tzvit, fun dem macht honig di bin.
Ir zet dos geveb, doz iz di arbet fun shpin.

Un zet nor do, kinder, fun foigl a nest!
Mit foigl's a kind, vos pikt shoin un est.
Kukt on di murashkes vi zei boien a heim,
Zei grobn di erd un trogn di leim.

Zei fargreitn zich haint oif a tog fun noit,
Tzu hobn oif morgn, "Dos shtikele broit"
Un dort mit di herner, dos iz a ku!
Zi redt zeier veinig, nor ein vort "mu."

Ober zi git unz milch, puter un kezn.
A mchaiediker trung un gezunt tzu esn.
Itzt git nor a tzi in zich ot di luft
Fun groz un fun blumen der angenemer duft.

Fargest nit az ibung is oich zeier gut,
Es git gezunt un keiach, s'macht varm dos blut.
Dos altz iz noitig, loit dem altn gebot:
Ver es greit on zumer, oif vinter der hot!

זיי אַ מענטש...

שפּילן מיר זיך, קינדערלעך,
אין גאָרטן צי אין גאַס.
פּרובירן מיר פאַרשטעלן זיך
צו האָבן וואָס מער שפּאַס.

איינער מאַכט אַ חיה נאָך,
פּסיקעט ווי אַ קאַץ,
פּאַטשעט מיט די לאַפּקעלעך,
כלומרשט גיט אַ קראַץ...

און איינער ווערט אַ וועלפּעלע,
שאַרפט ער בייז די ציין.
אַ צווייטער ווערט אַ הינטעלע
און שפּילט זיך מיט אַ ביין.

מוישל שפּאַנט אַ טיגערל
און איירע שפּרינגט — אַן אַף.
יאָסל קריכט ווי אַ קעמל גאָר,
גייט געבויגן ווי אַ שקלאַף.

בערל שפּרינגט ווי אַ פייגעלע,
נאָרע זינגט — אַ סאָלאָוועי,
יודי ברומט זיך ווי אַ לייב,
און מאַכט נאָך זיין געשריי...

נאָר אהרעלע, דער נאַרעלע,
אין שפּיל איז ניט אריין.
די באָבע האָט אים אָנגעזאָגט:
געדענק אַ מענטש צו זיין...

ZAI A MENTSH

Shpiln mir zich kinderlech,
In gortn tzi in gas,
Pruvn mir farshteln zich
Tzu hobn vos mer shpas.

Einer macht a chaie noch,
Psiket vi a katz,
Fochet mit di lapkelch,
Kloimersht git a kratz. . . .

Un einer vert a velfele,
Sharft er beiz di tzein.
A tzveiter vert a hintele
Un shpilt zich mit a bein.

Moishl shpant vi a tigerl
Un Ira shpringt—an af.
Yosl kricht vi a keml gor,
Geit geboign vi a shklaf.

Berl shpringt vi a feigele,
Nora zingt—a solovei,
Yudi brumt vi a leib
un macht noch zain geshrei.

Nor arele der narele
In shpil iz nit arein
Di bobe hot im ongezogt:
"Gedank a mentsh tzu zain!"

עס רוט דער טייך

פאַרוואונדערט קוקט זיך יאָסעלע אויפן אייז־פאַרקילטן טייך.
ווי רואיג־שטיל ער שלאָפט געשמאַק, ליגט אויסגעצויגן גלייך.

פון אויבן אַ דין ווייס־שנייעלע, ווי מיט אַ ליילעך איז ער באַדעקט.
עס ווילט זיך נאָר אַ זאָג טאָן: קינדער, רואיג! שאַ, ניט וועקט!...

ער בולבולט ניט קיין בלעזל מער. שטיל, ווי ער וואָלט זיין גאָר שטום.
אַלץ פאַרפרוירן אויף איין אָרט, ער שווימט מער ניט אַרום...

ניט לאַנג צוריק, אין די זומער־טעג, האָט ער זיך שטאַרק געהיצט:
די קינדער האָט ער שטענדיג, געהאַט באַגאָסן און פאַרשפּריצט.

געלאָפן זיג־זאַג אַרויף־אַראָפּ איבער שטיינער, איבער שטריק.
אַ שווים אַהער, אַ שווים אַהין און געלאָפן באַלד צוריק.

ער פלעגט אַמאָל אַרוים צום ברעג, צעשוימט זיך און צעלאַכט.
פאַרשווינקט די קינדער־שטיבעלעך, פון אַלץ אַ תל געמאַכט.

איצט שווייגט ער רואיג, שטיל, ווי אין אַן אייביגן שלאָף.
ניט אַנדערש ווי זיין טאַטע האָט אים געגעבן אַזאַ שטראָף...

נאָר אפשר טראַכט זיך יאָסעלע, עס פאַלט אים איין אַזאַ געדאַנק:
דער טייך, ער האָט פאַרקילט זיך, ליגט ער איצט גאָר קראַנק...

צום סוף באַשלאָסן האָט יאָסעלע, און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:
מיד פון זומער איז דער טייך, איז אין ווינטער, רוט ער זיך אָפּ!...

ES RUT DER TAICH!

Farvundert kukt zich Yosele oifn aiz-farkiltn taich.
Vi ruig—shtil er shloft geshmak, ligt oisegetzoign glaich.

Fun oibn a din-vais-shneiele vi mit a lailech iz er badekt
Es vilt zich nor a zogton: kinder ruig, sha, nit gevekt.

Er bulbult nit kain blezl mer, shtil, vi er volt zain gor shtum
Altz farfrorn oif ein ort, er shvimt nit mer arum. . . .

Nit lang tzurik, in di zumer teg, hot er zich shtark gehitzt
Di kinder hot er shtendig, gehat bagosn un bashpritzt!

Gelofn zig-zag aroif-arop, Iber shteiner, iber shtrik
A shvim aher, a shvim ahin un gelofn bald tzurik.

Er flegt amol arois tzum breg, tzeshoimt zich un tzelacht
Farshvenkt di kinder shtiblech un fun altz a tel gemacht!

Itzt shvaigt er ruig, shtil vi in an eibign shlof;
Nit andersh az zain tate hot im gegebn aza shtrof!

Nor, efsher, tracht zich, yosele, es falt im ain aza gedank:
Der taich, er hot farkilt zich, light er itzt gor krank?

Tzum sof, bashlosn hot Yosele, un tzugeshoklt mitn kop:
Mid fun zumr iz der taich! Is in vinter rut er zich op!

דער זייגער האָט אַ גוטן קאָפּ...

דער זייגער, זעט אויס, אַרבעט שווער.
ס׳האָט אַ קלוגער אים דערפונדן
אים צו מאַכן אַרבעטן טאָג און נאַכט —
פיר און צוואַנציג שטונדן.

פינקטלעך ווייזט ער אָן די צייט
צו דער מינוט, צו דער סעקונדע.
און דורך אַ קלונג זאָגט ער אָן,
ווען ס׳איז פאַרביי אַ שטונדע.

ער פוילט זיך ניט צו אַרבעטן,
טיק-טאַק שטענדיג שלאָגן.
ער ווייסט גענוי אַלע רעדעלעך,
ער מוז אַ גוטן קאָפּ פאַרמאָגן!

פון רוען, ווייסט ער קיינמאָל ניט,
ווי געטריבן פון ניט-גוטן,
די ווייזערס לויפן, מאַכן צייט
און ציילן די מינוטן.

טראַכט איך: עס וואָלט זיין אַ פּלאַן
חריי זייגערס צו פאַרבינדן.
בלויז אַכט-שעה צו אַרבעטן,
אַ זייגער-יוניאָן גרינדן.

DER ZEIGER HOT A GUTN KOP...

**Der zeiger, zet ois, arbet shver.
S'hot a kluger im derfundn,
Im tzu machn arbetn tog un nacht
Fir-un-tzvantzik shtundn.**

**Pinktlech vaizt er on di tzait
Tzu der minut, tzu der sekunde.
Un durch a klung zogt er on,
Ven s'iz farbi a shtunde.**

**Er foilt zich nit tzu arbetn,
Tik-tak shtendik shlogn.
Er vaist genoi ale redelech,
Er muz a gutn kop farmogn!**

**Fun ruen, vaist er kanmol nit,
Vi getribn fun nit-gutn.
Di vaizers loifn machn tzait
Un tzailn di minutn.**

**Tracht ich: es volt zain a plan
Drai zeigers tzu farbindn.
Bloiz acht-sho tzu arbetn,
A zeiger yunion grindn.**

כ׳האָב ליב יום־טוב

זומער האָב איך ליב די היצן,
ווינטער האָב איך ליב די קעלט,
קאָנטראַסטן שיינע אינ׳ם לעבן,
דאָס־אָ שטענדיק מיר געפעלט.

כ׳האָב ליב ביים הויז דעם הויכן באַרג,
און אַרום דעם טיפן טאָל.
וואו מ׳הערט די פייגל זינגען,
באַגלייט מיט אַ הויכן עכאָ־קול.

איך האָב ליב באָדן זיך אין דעם טייכל,
איך שווים זיך פריי אַרום.
ווינטער האָב איך ליב די גליטשערס,
לאָז זיך גליטשן אומעטום.

נאָענט ביים הויז האָב איך ליב אַ גאָרטן,
איך אַרבעט שיינע בייטן אויס,
פאַרזיי איך אַלע סאָרטן בלומען,
גיב אַכטונג ווי זיי וואַקסן אויס.

דאַן שנייד איך אָפּ די בלומען צווייגן,
נעם זיי מיט אין שול אַריין.
צעשטעל זיי אויף די לאַנגע טישן,
איך האָב ליב עס זאָל אַ יום־טוב זיין!

ICH HOB LIB YOMTEV

Zumer hob ich lib di hitzn;
Vinter hob ich lib di kelt;
Kontrastn sheine inm lebn
Dos—o shtendig mir gefelt!

Ich hob lib baim hoiz dem hoichn barg,
Un arum dem tifn tol
Vu m'hert di feigl zingen
Bagleit mit a hoichn echo-kol

Ich hob lib bodn zich in dem taichl
Ich shvim zich frai arum;
Vinter hob ich lib di glitshers,
Loz zich glitshn umetum!

Nont tzum hoiz hob ich lib a gortn
Ich arbet sheine beitn ois.
Farzei ich ale sortn blumen,
Gib achtung vi zei vaksn ois.

Dan shnaid ich op di blumen-tzvaign,
Nem zei mit in shul arain
Tzeshtel zei oif di lange tishn
Ich hob lib es zol a iomtev zain'.

ער איז פויל אַ גרויל

יאָסעלע איז פויל אַ גרויל,
האַלטן אַלע אים אין שטראָפן.
ער פוילט זיך אויפשטיין אין דער פרי.
ער איז פויל זיך לייגן שלאָפן.

אַ גאַנצן טאָג ער גענעצט נאָר,
האַלט דאָס מויל שטענדיג אָפן,
ביים עסן מאַכט ער די אויגן צו,
ווייל ער האָט ניט גענוג געשלאָפן.

אין שולע קומט ער שטענדיג שפּעט,
מוז ער שפּעט שוין בלייבן.
הינטערשטעליג בלייבט ער אַלע מאָל,
סיי אין לייענען, סיי אין שרייבן.

ווען די מאַמע זאָגט אים אָן
ער זאָל חלילה ניט פאַרגעסן
אין הויז אַרויפקומען אין צייט,
ווען פאַרטיג איז דאָס עסן.

איז דאָך יאָסעלע פויל אַ גרויל,
קריכט ער, ווערט פאַרלוירן . . .
ווען ער זעצט זיך עסן שוין,
איז אַלץ שוין קאַלט, פאַרפרוירן.

דערפאַר האָב איך ליב אויפשטיין פרי,
דער טאָג זאָל זיין אַ וואוילער.
לערן איך אַלץ אָפּ אין דער צייט,
און דערנאָך ווער איך אַ פוילער...

ER IZ FOIL A GROIL

Yosele iz foil a groil,
Haltn ale im in shtrofn
Er foilt zich oifshtein in der fri,
Er foilt zich leign shlofn.

A gantzn tog er genetzt nor,
Halt dos moil shtendig ofn.
Baim esn macht er di oign tzu,
Vail er hot nit genug geshlofn.

In shul kumt er shtendig shpet,
Muz er shpet shoin bleibn,
Hintershtelig blaibt er ale mol,
Sai in leienen, sai n shraibn.

Ven di mame zogt im on
Er zol cholile nit fargesn
In hoiz aroifkumen in tzait,
Ven fartig iz dos esn.

Iz doch, Yosele foil a groil
Kricht er vert farloirn,
Ven er zetzt zich esn shoin,
Iz altz shoin kalt, farfroirn.

Derfar hob ich lib oifshtein fri,
Der tog zol zain a voiler;
Lern ich altz op in tzat,
Un dernoch ver ich a foiler. . . .

צו וואָס איז נאַכט?

איך קאָן ניט פאַרשטיין, צו־וואָס דאַרף מען נאַכט,
ווען דער טאָג זעט אויס פיל שענער?
אין פרימאָרגן דערפרייט דער זייגער מיט קלאַנג,
און די פרייד קרייען אויס אויך די הענער.

די זון שיינט, לויכט און וואַרעמט ביי־טאָג,
אויך דער ים שטראַלט און האָט ליב זיך שפּיגלען.
פענצטער און טירן צעעפנט מען ברייט,
און ביינאַכט אַלץ פאַרמאַכט איז אויף ריגלען...

בייטאָג קאָנען קינדער אַרומפליען פריי,
זיך לערנען, שטיפן און שפּילן,
דערביי זינגען און שרייען, וויפיל מ׳וויל,
און נאַכט, ווייל אַלץ פאַרדעקן, פאַרשטילן.

די נאַכט איז באַשאַפן, אַזוי זעט מיר אויס,
ווי אַ טאַטע אַ שטרענגער צו שטראָפן.
דערפאַר, וואָס די זון ברענט בייטאָג אַ וועלט,
מוז זי אין אָוונט זיך פרי לייגן שלאָפן!...

ער האָט אַ תירוץ

רעדט אויס די מאַמע דוד׳לען:
אויף דיר איז מיר אַ וואונדער,
פאַרוואָס גייסטו ניט אין שול?
ס׳איז געפאַקט דאָך שוין מיט קינדער!

דוד׳ל האָט אַ תירוץ באַלד,
ער דאַרף דאָס לאַנג ניט זוכן:
דו האָסט דאָך, מאַמע, מיר געזאָגט,
וואו ס׳איז ענג זאָל איך ניט קריכן...

TZU VOS IZ NACHT?

Ich kon nit farshtein tzu-vos darf men nacht,
Ven der tog zet ois fil shener?
In frimorgn derfreit der zeiger mit klang,
Un di freid kreien ois oich di hener.

Di zun shaint, loicht un varemt batog,
Oich der yam shtralt un hot lib zich shpiglen
Fenster un tirn tzeefnt men breit
Un bainacht iz altz farmacht oif riglen.

Baitog konen kinder arumloifn frai
Zich lernen, shtifn un shpiln
Derbai zingen un shraien, vifil men vil
Un nacht vil altz fardekn, farshtiln.

Di nacht iz bashafn, azoi zet mir ois,
Vi a tate a shtreger, tzu shtrofn.
Derfar vos di zun brent baitog a velt,
Muz zi in ovnt zich leign fri shlofn!

ER HOT A TERETZ

Redt ois di mame Dovidlen,
Oif dir iz mir a vunder,
Farvos geistu nit in shul?
S'iz doch shoin gepakt mit kinder!

Dovidl hot a teretz bald,
Er darf dos lang nit zuchn;
Du host doch, mame, mir gezogt,
Az vu es iz eng zol ich nit krichn!

פרעגט די לערערין

פרעגט די לערערין שרה׳לע
ביי דער שילערין נאַרעלע:
— פאַרוואָס האָסטו צוויי אויערלעך?
ענטפערט נאַרעלע אויפ׳ן אָרט:
— ווען איך גיי אין שול און לערן,
— וויל איך אַלץ וואָס בעסער הערן,
— צו וויסן יעדעס וואָרט.

— איצטער זאָג מיר, נאַרעלע, —
פרעגט ווידער די לערערין שרה׳לע:
— פאַרוואָס האָסטו צוויי אייגעלעך?
ענטפערט נאַרעלע אויפ׳ן שטעל:
— אייגעלעך דאַרף איך צוויי צו זען,
— אין ביכל וויסן וואָס און ווען,
— צו קענען לייענען גוט און שנעל.

— אויב אַזוי, — זאָגט שרה׳לע,
— נאָך איין פראַגע, נאַרעלע:
— פאַרוואָס האָסטו נאָר איין נעזעלע?
ענטפערט נאַרעלע: — אָט פאַרוואָס:
— אַ פאַרקילט נעזעלע האַלט אין איין גיסן
— און עס הערט ניט אויף צו ניסן,
— איז גענוג איין נאָז! . . .

FREGT DI LERERIN

Fregt di lererin Sorele
Bai der shilern Norele:
—Farvos hostu tzvei oierlech?
Entfert Norele oifn ort:
—Ven ich gei in shul un lern,
—Vil ich altz vos beser hern,
—Tzu visn yedes vort.

—Itzter zog mir Norele,
Fregt vider di lererin Sorele:
—Farvos hostu tzvei eigelech?
Entfert Norele oifn Shtel:
—Eigelech darf ich tzvei tzu zen
—In bichl visn vos un ven,
—Tzu kenen leienen gut un shnel.

—Oib azoi,—zogt Sorele,
—Noch ein fragele, Norele:
—Farvos hostu nor ein nezele?
Entfert Norele: ot farvos:
—A farkilt nezele halt in ein nisn
—Un es hert nit oif tzu gisin,
—Iz genug ein noz!

וואָס מיין טאַטע קאָן

וואָס מיין טאַטע קאָן, קאָן איך ניט טאָן.
אַלץ מאַכט ער — אַ וואונדער.
ער גייט אויף שנעל, און זיינס אַ שטעל —
עס קאָנען ניט קיין קינדער.

מיין טאַטע לייגט זיך אין בעט, זייער שפעט.
ער איז שטענדיק אַ פאַרטראַכטער.
נאָר, ווען איך שטיי אויף, איז ער שוין אויף.
און אַ גוטן פרישטיק מאַכט ער.

מיין טאַטע ווייסט, אַלץ ווי עס הייסט.
ער מאַכט אַלץ שיין און זיכער.
נאָר צו איין זאַך, איז ער צו שוואַך,
וואַקסן, וואַקס איך גיכער . . .

אַ „רענדל" אַ וואָרט

זאָגט דער זיידע: איציקל,
רייד צו מיר אַ אידיש וואָרט,
קריגסט דערפאַר אַ גוטע זאַך —
אַ שטיק פון דער באָבעס טאָרט.

דערצו נאָך וועל איך געבן דיר
צוזאַמען מיטן טאָרט,
אין קעש אַ ניקל אויפ'ן האַנט —
פאַר יעדן אידיש וואָרט . . .

צעלאַכט זיך איציקל געשמאַק
און שטרעקט אוים ביידע הענט:
„אַ גוטע נאַכט דיר, זיידע" —
און מאַנט אויף צוואַנציק סענט . . .

VOS MAIN TATE KON

**Vos main tate kon, kon ich nit ton.
Altz macht er, s'iz a vunder'.
Er geit shnel un zains a shtel,
Es konen nit kain kinder!**

**Main tate geit tzu bet, zeier shpet,
Er iz shtendig a fartrachter.
Nor ven ich shtei oif, iz er shoin oif,
Un a gutn frishtik macht er!**

**Main tate veist altz vi es heist.
Er macht altz shein un zicher.
Nor in ein zach, iz er tzu shvach.
Vaksn, vaks ich gicher!**

A RENDL A VORT

**Zogt der zeide: Itzikl,
Reid tzu mir a yidish vort,
Krigst derfar a gute zach—
A shtik fun der bobe's tort;**

**Dertzu noch vel ich gebn dir
Tzuzamen mitn tort,
In kesh, a nikl oifn hant
Far yedn yidish vort.**

**Tzelacht zich Itzikl geshmak
Un shtrekt ois beide hent:
"A gute nacht dir zeide,"
Un mont oif tzvantzig sent.**

אַ מאָדנער אינגל

אַ מאָדנער אינגל איז משה׳לע:
ער מוז שטענדיג וואָס פאַרגעסן.
אין קראָם געלאָזט האָט ער זיין בוך,
אויף די טרעפּ — זיין עסן . . .

אַמאָל קומט ער אין סקול צו גיין
מיט איין געוואַשן בעקל.
און אין שול צעלאַכט מען זיך:
ר׳האָט נאָר אָנגעטאָן איין זעקל . . .

דעם שליסל, דאַכט זיך, היט ער,
ער האַלט דאָס אויף אַ קייטל.
גייט ער עפּעס קויפן וואָס,
פאַרגעסט ער דאָס אין קלייטל . . .

די מאַמע גיט אָן עפּל אים
פאַר די קינדער צו צעטיילן,
טיילט ער אוים צו אַלעמען,
נאָר זיך פאַרגעסט ער ציילן . . .

איז דאָס אמת?

זאָגט מיר, לערער, איז דאָס אמת,
אַז צוריק מיט אַ סך יאָרן,
זיינען דאָן נאָר מאַלפּעס געווען,
ביז עס איז אַ מענטש געוואָרן?

עס ווילט זיך מיר דאָס ניט גלויבן,
פון אַ מאַלפּע איך זאָל שטאַמען,
ווען איך קוק אויף דער שיינער באָבען
און אויף מיין שיינער מאַמען?

A MODNER INGL

A modner ingl iz Moishele
Er muz shtendig vos fargesn
In krom hot er gelozt zain buch,
Oif di trep—zain esn!

Amol kumt er in skul tzu gein
Mit ein gevasn bekl.
Un in shul tzelacht men zich,
Er hot nor ongeton ein zekl!

Dem shlisl, dacht zich, hit er,
Er halt dos oif a keitl.
Geit er koifn epes vos,
Fargest er dos in kleitl!

Di mame git an epl im,
Far di kinder tzu tzeteiln;
Teilt er ois tzu alemen,
Nor zich fargest er tzeiln!

IZ DOS EMES?

Zogt mir lerer, iz dos emes,
As tzurik mit a sach yorn,
Zainen dan nor malpes geven,
Biz es iz a mentsh gevorn?

Es vilt zich mir dos nit gloibn,
Fun a malpe ich zol shtamen,
Ven ich kuk oif main shaner bobn
Un oif main shaner mamen!

צוזאַמען — מיט טאַטע מאַמען

כ'האָב פּיינט זיך שפּילן מיט ביקסן.
אַ ביקס האָט ליב נאָר צו שיסן.
איך האָב פּיינט זען אַ באָמבע,
פון אַ באָמבע קאָן מען ווערן צעריסן.

איך האָס אַלע סאָרטן קאַנאָנען,
זייער אַרבעט איז דונערן און קראַכן
און וואו נאָר זייערע קוילן טרעפן,
וואָס פאַר אַ חורבן זיי מאַכן ! . . .

איך האָב פּיינט שאַרפן שווערדן.
אַ שווערד האָט ליב שניידן, שטעכן.
אויך אַ קלאָב האָב איך פּיינט,
וואָס קאָן נאָר קעפּ צעברעכן.

איך האָב ליב שלום זאָל זיין,
שלום האַלט הענט צוזאַמען,
שלום היט דעם לעבן פון קינדער
און ברענגט פרייד צו טאַטע־מאַמען !

ניט צו שפּעט . . .

אַזוי שפּעט קומסטו לערנען זיך ?
פרעגט דער לערער פון דער שול,
דאָס איז ניט שיין פון דיר, איציקל,
פאַרשעמט לאָזן שטיין דיין שטול.

פאַרענטפערט גלייך זיך, איציקל,
און ווי קונציק ער פאַרגלעט :
מיין טאַטע זאָגט, אַז לערנען זיך,
איז קיינמאָל ניט צו שפּעט ! . . .

TZUZAMEN — MIT TATE MAMN

Ch'hob faint zich shpiln mit biksn,
A biks hot lib nor tzu shisn.
Ich hob faint zen a bombe,
Fun a bombe kon men vern tzerisn!

Ich has ale sortn kanonen,
Zeier arbet iz dunern un krachn
Un vu nor zeiere koiln trefn,
Vos far a churbn zei machn!

Ich hob faint sharfe shverdn;
A shverd hot lib shnaidn, shtechn
Oich a klob hob ich faint,
Vos kon nor kep tzebrechn!

Ich hob lib sholem zol zain;
Shollem halt hent tzuzamen.
Dos farhit dem lebn fun kinder
Un breingt freid tzu tate-mamen!

NIT TZU SHPET

Azoi shpet kumstu lernen?
Fregt der lerer fun der shul.
Dos iz nit shein fun dir, Itzikl,
Farshemt lozn shtein dain shtul.

Farentfert glaich zich Itzikl,
Un vi kuntzig er farglet:
Main tate zogt, az lernen zich,
Iz kainmol nit tzu shpet!

מ׳קאַן לעבן...

איך האָב געהערט מיין טאַטן
דער מאַמען אַזוי דערציילן:
אַז אַלע קאָנען זיין דאָ רייך —
ווען מ׳זאָל נאָר גלייך צעטיילן.

אַמעריקע איז אַ רייכע לאַנד,
נאָר אַ שלעכט געבויטע...
אַ לעבן מאַכן איז זייער שווער —
רואיג „לעבן" נאָר די טויטע...

אין לאַנד פאַראַן איז אַלדאַס־גוטס,
גאָלד — פולע זשמעניעס.
איינער כאַפּט די גאָלד פאַר זיך,
אַ צווייטער — קריגט נאָר פּענים...

פאַראַן אַ סך לעקאַך, טאָרט
און „אייז־קרים" אויף צו נאַשן,
נאָר אַ סך האָבן גאָרנישט —
בלויז לעכער אין די טאַשן...

דער גוטער דזשאָו

דער נעגער דזשאָו איז אַזאַ ליבער —
פאַר די קינדער עפנט ער זיין האַרץ.
ער דערציילט זיי פון זיינע ליידן,
ווייל זיין הויט איז אַנדערש — עס איז שוואַרץ!

בין איך שטאַרק ברוגז אויף דער זון —
איך באַהאַלט זיך פון איר הינטער ווענט.
איך וויל ניט קוקן אויף איר פּנים,
זי האָט דזשאָוען, פאַרשוואַרצט און פאַרברענט!...

M'KON LEBN . . .

Ich hob gehert main taten
Der mamen azoi dertzeiln
Az ale konen zain do raich
Ven m'zol nor glaich tzeteiln.

Amerike iz a raiche land,
Nor a shlecht geboite . . .
A lebn machn iz zeier shver,
Ruik—lebn nor di toite. . . .

In land faran iz al-dos-guts
Gold—fule zshemenes
Einer chapt di gold far zich
A tzveiter—krigt nor penis.

Faran a sach lekach un tort
un aizkrim oif tzu nashn
Nor a sach hobn gornisht.
Bloiz lecher in di tashn. . . .

DER GUTER JOE

Der neger Joe is aza liber
Far di kinder efnt er zain hartz;
Er dertzeilt zei fun zaine laidn,
Vail zain hoit iz andersh, es iz shvartz!

Bin ich shtark baroigez oif der zun,
Ich bahalt zich fun ir hinter vent.
Ich vil nit kukn oif ir ponim,
Zi hot, Joen, farshvartst un farbrent!

דער שניי־מענטש

צענויפגעשאַרט אַ מאַסע שניי,
וואָס איז געפאַלן דורך דער נאַכט.
געקייקלט און געקייקלט עס —
אַ שניי־מענטש זיך געמאַכט.

אויערן — פון בולבעס צוויי
און אויגן — פון שטיקער גלאָז.
פון אַ בוריק געמאַכט אים
אַ גרויסע, רויטע נאָז.

געעפנט האָב איך אים אַ מויל,
געמאַכט שוועבעלעך פאַר ציין.
און שיך אים אָוועקגעשטעלט,
צו האָבן אויף וואָס צו שטיין.

פלוצלינג אין דער ליכט פון זון,
איז ער געוואָרן — גאָר ניט ער.
גענומען וויינען האָט ער שטאַרק,
געגאָסן טרער נאָך טרער.

נאָר גלייך פאַרשטאַנען האָב איך,
פאַרוואָס זיין גרויס געוויין.
ער וויל ניט מער קיין גולם זיין,
ער וויל אויך זיך גליטשן גיין! . . .

DER SHNEI-MENTSH

Tzenoifgeshart a mase shnei,
Vos iz gefaln durch der nacht.
Gekaiklt un gekaiklt es,
A shnei-mentsh zich gemacht.

Oiern—fun bulbes tzvei
Un oign—fun shtiker gloz.
Fun a burik gemacht im
A groise, roite noz.

Geefnt hob ich im a moil,
Gemacht shvebelech far tzein
Un shich im avekgeshtelt
Tzu hobn oif vos tzu shtain.

Plutzling, in der licht fun zun,
Iz er gevorn—gor nit er;
Genumen veinen hot er shtark,
Gegosn trer noch trer.

Nor glaich farshtanen hob ich
Far vos zain grois gevein,
Er vil nit mer kain goilm zain,
Er vil oich zich glitzn gain!

לערנט, קינדערלעך!

איינס, צוויי, דריי, פיר,
ווער וועט ערשטער זיין ביים טיר.
די טיר איז אָפן, אַלץ איז פיין,
ווער וועט ערשטער אין קלאַס אַריין?

איינס, צוויי, דריי, פיר,
אַלע גרייט איצט שטייען מיר,
אַלע זיינען מיר אין שול,
ווער זעצט זיך ערשטער אויפ'ן שטול?

איינס, צוויי, דריי, פיר,
קינדער, גיט זיך נאָר א ריר,
נעמט דאָס קרייד אַריין אין האַנט
און צום שרייב-ברעט אויף דער וואַנט.

איינס, צוויי, דריי, פיר,
איצטער שרייבט דאָס אויף פּאַפּיר.
קלאָר און ריין אַלץ אויסגעשטעלט:
זאָל זיין שלום אויף דער וועלט!

איינס, צוויי, דריי, פיר,
דאַן וואַקסן גרויסע וועלן מיר.
ס'וועט זיין דאָס לעבן שיין, באַשיצט,
פאַר אונז א פּרייז — פאַר לערנען איצט! . . .

LERNT KINDERLECH

Eins, tzvei, drai, fir,
Ver vet ershter zain baim tir.
Di tir is ofn, altz iz fain.
Ver vet ershter in klas arain?

Eins, tzvei, drai, fir,
Ale greit itzt shteien mir.
Ale zainen mir in shul
Ver zetzt zich ershter oifn shtul?

Eins, tzvei, drai, fir,
Kinder, git zich nor a rir!
Nemt dos kraid arain in hant,
Un tzum shraib-bret oifn vant.

Eins, tzvei, drai, fir,
Itzter shraibt dos oif papir;
Klor un rein altz oisgeshtelt
"Zol zain sholem oif der welt!"

Eins, tzvei, drai, fir,
Dan vaksn groise veln mir,
S'vet zain dos lebn shein bashitzt,
Far unz a praiz—farn lernen itzt!

ווען איך וועל גרויס זיין

ווען איך וועל אַ גרויסער ווערן, זאָגט יודעלע,
און איך וועל אַ טאַטע פון קינדער זיין,
וועל איך קלאַפּן אין די טירן און רופן:
שיקט די קינדער אין שולע אַריין!

פאַר קינדער לערנען איז וויכטיק.
ס׳איז גוט צו וויסן, פאַרשטיין יעדע זאַך,
און צוזאַמען מיט אַנדערע שפּראַכן —
קאָנען אויך די אייגענע שפּראַך.

ווען איך וועל זיין אַ גרויסע, ענטפערט שרה׳לע,
האָבן אַ היים, מיט אַ טיש און אַ שטול,
וועל איך זען, אַז מיינע אייגענע קינדער
זאָלן לערנען אין אַ אידישער שול!

רעטענישן

וואָס ווערט אַ בולבע, ווען זי קאָכט זיך לאַנג אין טאָפּ;
און אַז זי איז שוין פאַרטיג, מ׳נעמט איר פון אויוון אַראָפּ?
ענטפערט קערען מיט אַ שטימעלע גאַנץ הויך:
ווען אַ בולבע קאָכט זיך אָפּ, ווערט זי זייער ווייך...

און וואָס ווערט אַן איי, ווען עס קאָכט זיך לאַנג אין טאָפּ,
און מ׳נעמט איר אַן אָפּגעקאָכטע פון אויוון אַראָפּ?
ענטפערט איירא: וואָס איז פאַראַן צו פאַרשטיין?
אַן אָפּגעקאָכטע איי איז האַרט ווי אַ שטיין...

און וואָס ווערט מילך, ווען מ׳קאָכט לאַנג אין אַ טאָפּ,
עס קאָכט זיך און עס קאָכט זיך, ביז מ׳נעמט דאָס אַראָפּ?
לאָזט צו וויסן גלייך נאַרעלע, פּאַטשענדיג מיט די הענט,
פון קאָכן לאַנג מילך — ווערט דער טאָפּ פאַרברענט...

VEN ICH VEL GROIS ZAIN

Ven ich vel a groiser vern, zogt Yudele,
Un ich vel a tate fun kinder zain,
Vel ich klapn in di tirn un rufn:
Shikt di kinder in shul arain!!

Far kinder lernen iz vichtik;
S'iz gut tzu visn, farshtein yede zach
Un tzuzamen mit andere shprachn—
Konen oich di eigene shprach.

"Ven ich vel zain a groise," entfert Sorele,
hobn a heim, mit a tish un a shtul,
Vel ich zen as maine "eigene kinder"
Zoln lernen in a idisher shul,

RETENISHN

Vos vert a bulbe, ven zi kocht zich lang in top
Un az zi iz shoin fartig m'nemt ir fun oivn arop?
Entfert Karen mit a shtimele gantz hoich:
Ven a bulbe kocht zich op vert zi zeier veich.

Un vos vert fun an ei, ven zi kocht zich lang in top
Un m'nemt ir an opgekochte fun oivn arop?
Entfert Ira: vos iz do faran tzu farshtein?
An opgekochte ei iz hart vi a shtein.

Un vos vert milch, ven m'kocht lang in a top,
Es kocht zich un es kocht zich, biz m'nemt es arop?
Lozt tzu visn glaich norele, fochendig mit di hent,
Fun kochn lang milch—vert der top farbrent. . .

דער פיש־כאַפּער...

פאַרטיפט שטייט מוישל,
ביים ברעג פונעם טייכל.
ער וויל כאַפּן פיש —
זיין באַליבטן מאכל...

עס געפעלט אים די שפּיל
פון דעם פיש מיטן האָקן.
און די מאַמע וועט האָבן —
וואָס צו קאָכן און באַקן...

שטייט מוישל פאַרטיפט,
חרייט מיטן נעזל.
ביז ענדלעך דערזעט ער,
אין וואַסער אַ בלעזל...

ציט ער דעם האָקן
מיט זיינע הענטלעך, די שוואַכע.
אַ פרייד — ער האָט געכאַפּט —
אַ פוילע טשערעפּאַכע!...

DER FISH CHAPER

Fartift shteit Moishl
Baim breg funm taichl;
Er vil chapn fish—
Zain balibtn maichl.

Es gefelt im di shpil
Funm fish mitn hakn
Un di mame vet hobn
Vos tzu kocn un bakn.

Shteit Moishl fartift,
Dreit mitn nezl,
Biz endlech derzet er
In vaser a blezl. . . .

Tzit er dem hakn
Mit zaine hentlech, di shvache
A freid—er hot gechapt.
A foile tsherepache! . . .

אַ ליבע...

קערען איז אַ מיידל שיין,
ווי אַ בלום צווישן פּלאַנצן.
די שולע האָט זי זייער ליב,
צו לערנען, זינגען, טאַנצן.

איירא האָט אויך די שולע ליב,
האָט אויך ליב אַ שפּאַס, אַ וויצל.
און ווען ער קען, כאַפּט ער אַריין
איר אָפּצוטאָן אַ שפּיצל.

אַז קערען טאַנצט, געפעלט דאָס אים,
טאַנצט ער אויך אַביסל,
נאָר אינמיטן גיט ער זיך אַ דריי
און שטעלט אונטער איר אַ פיסל.

קערען ווערט ניט בייז אויף אים,
ווי ער וואָלט זיין דער בעסטער.
ביידע האָבן זיך זייער ליב —
ס'איז אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

A LIBE

Karen iz a meidl shein,
Vi a blum tzvisn flantzn
Di shule hot zi zeier lib,
Tzu lernen, zingen, tantzn.

Ira hot oich di shule lib
Hot oich lib a shpas, avitzl
Un ven er kon chapt er arain
Ir optzuton a shpitzl.

Az Karen tanzt gefelt dos im
Tantzt er oich a bisl.
Nor inmitn git er zich a drei
Un shtelt ir unter a fisl.

Karen vert nit beiz oif im,
Vi er volt zain der bester!
Beide hobn zich zeier lib,
S'iz a bruder mit a shvester.

ער וויל אַן ענטפער!

זאָג מיר, מאַמע, וואָס מיינט שיין,
וואָס מיינט אַ „קינדעלע מיט חן״?
וואָס מיינט גוט, און וואָס מיינט שלעכט,
ווי קאָן מען וויסן, ווער עס איז גערעכט?

וואָס מיינט אָרעם און וואָס מיינט רייך,
ווערן אַלע ניט געבאָרן גלייך?
וואָס זעט אַ מענטש, ווען ער איז בלינד,
און קאָן אַ זיידע, אויך זיין אַ קינד?

ווען איינער איז וויס, אַ צווייטער איז שוואַרץ,
איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין איינעמס האַרץ?
דאָס אַלץ פרעגט יאָסעלע מיין קינד.
ער זוכט אַן ענטפער — און ער געפינט!

מיין טאַטע איז אַ מייסטער

מיין טאַטע איז אַ מייסטער,
ער מאַכט אַ גאַנצע וועלט;
ער מאַכט אַלץ וואָס ער וויל,
נאָר קאָן ניט — מאַכן געלט...

מיין טאַטע איז אַ מייסטער,
אומעטום באַוואוסט;
ער קנעט אוים טעפּ און שיסלען,
נאָר זיי זיינען שטענדיג פּוסט.

מיין טאַטע איז אַ מייסטער,
אין אַלץ איז ער געניט;
נאָר קומט אַ לעבן מאַכן,
זאָגט מאַמע, קאָן ער ניט...

ER WIL AN ENTFER

Zog mir mame, vos meint shein?
Vos meint a kindele mit chein?
Vos meint gut un vos meint shlecht,
Vi kon men visn ver s'iz gerecht?

Vos meint orem un vos meint raich,
Vern ale nit geborn glaich?
Vos zet a mentsh ven er iz blind?
Un kon a zeide, oich zain a kind?

Ven einer is vais, a tzveiter iz shvartz,
Iz faran an untersheid in eines hartz?
Dos altz fregt, Yosele, main kind.
Er zucht an entfer, un er gefint!

MAIN TATE IZ A MAISTER

Main tate iz a maister,
Er macht a gantze velt;
Er macht altz vos ir vilt,
Nor kon nit—machn gelt!

Main tate iz a maister,
Umetun bavust!
Er knet ois tep un shislen,
Nor zei zainen shtendig pust!

Main tate iz a maister,
In altz iz er genit;
Nor kumt a lebn machn,
Zogt mame, kon er nit . . .

אַזאַ גולם

פאַלט נאָר אַ ווייסער שניי,
באַדעקט די שוואַרצע גאַס,
לאָזט יונגוואַרג זיך אַרויס —
גרייט צו האָבן שפּאַס.

איינער בויט פון שניי אַ הויז,
אַ צווייטער מאַכט אַ בער,
אַ דריטער ציט זיך אויס אין שניי —
און ס'ווערט אַ מענטש ווי ער.

עס ווערט אַ מענטש ווי אַלע מענטשן,
כאָטש נעם אַ בילד אַראָפּ.
די צרה נאָר ס'איז מיט אים —
ער הויבט ניט אויף דעם קאָפּ . . .

אפשר . . .

וואָס מער לערנען איז זייער גוט,
דערקלערט האָט אונז דער לערער.
פאַרשטיי איך אַז ער איז גערעכט:
לערן איך וואָס מערער!

קוועלט די באָבע אָן דערפון
און קויפט מיר שיינע זאַכן.
דערצו אַ גרויסן באַרג פּאַפּיר,
פאַר מיר מענטשלעך צו מאַכן.

וואַרט איך אויפ'ן זיידן איצט.
ער איז אויך מיר ליב און טייער.
אפשר וועט ער צום פּאַפּיר
קויפן מיר אויך אַ בלייער! . . .

AZA GOILEM

**Falt nor on a vaiser shnei
Badekt di shvartze gas,
Lozt yungvarg zich arois—
Greit tzu hobn Shpas.**

**Einer boit fun shnei a hoiz,
A tzveiter macht a ber,
A driter tzit zich ois in shnei
Un s'vert a mentsh vi er.**

**Es vert a mentsh vi ale mentshn.
Chotsh nem a bild arop!
Di tzore nor s'iz mit im—
Er hoibt nit oif dem kop.**

EFSHER . . .

**Vos mer lernen iz zeier gut,
Derklert hot unz der lerer.
Farshtei ich az er iz gerecht
Lern zich vos merer.**

**Kvelt di bobe on derfun
Un koift mir sheine zachn,
Dertzu a gantzn barg papir,
Far mir mentshelech tzu machn.**

**Vart ich oifn zeidn itst,
Er iz oich mir lib un taier.
Efsher vet er tzum papir
Koifn mir oich a blaier.**

דער לערער

איר זעט דעם מענטשן,
וואָס שפּאַנט אַזוי שנעל;
אונטערן אָרעם אַ צייטונג,
אין האַנט אַ פּאָרטפעל?

דאָס איז דאָך דער לערער,
וואָס לערנט אַזוי שיין
שרייבן און רעדן —
מיט מאַמעשן חן.

די שול איז זיין פּאַלאַץ,
אַ טראָן יעדער שטול,
וואו די קינדערלעך לערנען
אַ שיינעם אידיש אין שול.

ביי גרוים און ביי קליין,
ער איז געאַכט און געשעצט;
דאָס בוך איז זיין קרוין —
מיט לידער באַזעצט.

זיין מלוכה מוז וואַקסן,
פאַר וויסן, פאַרשטאַנד, —
די אידישע שולן
אין יעטווידן לאַנד!

DER LERER

Ir zet dem mentshn,
Vos shpant azoi shnel;
Untern orem a tzaitung,
In hant a portfel?

Dos iz doch der lerer,
Vos lernt azei shein
Shraibn un reidn
Mit mamishen chein.

Di shul iz zain palatz,
A tron yeder shtul,
Vu kinderlech lernen
A sheinem Yidish in Shul.

Ba grois un ba klein
Er iz geacht un geshetzt
Dos buch iz zain kroin
Mit lider bazetzt.

Zain meluche muz vaksn,
Far visn, farshtand—
Di idishe shuln
In yetvidn land!

ווען זיידע וועט „ריטאַיערן״

ווען זיידע וועט „ריטאַיערן״,
וועט ער האָבן אַ סך צייט,
מיר צו נעמען ווייזן אַלץ,
מעג זיין אפילו ווייט.

איך וועל דאַן אַ גאַנצן טאָג,
זען זאַכן אָן אַ צאָל.
איך וועל אים אויך לערנען,
ווי אַזוי צו שפּילן באָל.

נעמען וועט ער מיך צום ים,
צו פאָרן אויף אַ שיף.
שווימען לערנען וועט ער מיך,
אונטערן וואַסער זייער טיף.

איין זאַך נאָר געפעלט מיר ניט,
די באָבע „קערט אַ וועלט״:
אויב זיידע זאָל ניט אַרבעטן —
וואו וועט זי נעמען געלט? . . .

VEN ZEIDE VET "RITTAIERN"

**Ven zeide vet "rittaiern"
vet her hobn a sach tzait
Mir tzu nemen vaizn altz,
Meg es zain afile vait.**

**Ich vel dan, agantzn tog,
Zen zachn on a tzol
Ich vel im oich lernen
Vi azoi tzu shpiln bol.**

**Nemen vet er mir tzum yam,
Tzu forn oif a shif
Shvimen lernen vet er mir
Untern vaser, zeier tif.**

**Ein zach nor gefelt mir nit,
Di bobe, "kert a velt!"
Oib zeide zol nit arbetn,
Vu vet zi nemen gelt?**

דער זייגער

איך האָב ליב דעם זייגער, די רעדלעך, דאָס קלאַפּן,
ווי עס לויפֿט דער גרויסער ווייזער, דעם קלייניקן כאַפּן.

דער זייגער איז אַ יחסן, ס'קוקט יעדערער אים אָן;
אַ שיינעם פּלאַץ פֿאַרנעמט ער — סאַמע אויבן אָן.

ער אַרבעט שווערע שעה'ן, פּינקטלעך לויט דער צייט . . .
מ'ציילט זיינע סעקונדן פֿון נאָענט און פֿון ווייט . . .

שטענדיק איז ער אויף דער וואַך, גיב נאָר אַ דריי, אַ צי.
אין זאַך נאָר פֿאַרדריסט מיך: ער וועקט מיך אויף צו פֿרי . . .

אין דרויסן פֿאַלט אַ שניי

אין דרויסן פֿאַלט אַ שניי,
אין הויז עס יאָגט אַ ווינט;
לאָזט מיך מאַמע ניט אַרויס,
זי זאָגט: דו ביזט אַ קינד!

נעמט זי מיך פֿאַרן האַנט,
לייגט אין בעטעלע מיך אַריין;
דעקט מיט אַ קאָלדערע צו,
גוט װאַרעם זאָל מיר זיין.

קוק איך דורך אַ שפּעלטל צו,
ווי מ'שפּילט זיך מיטן שניי,
און וואַרט: איך וועל אַ גרויסער זיין
קאָנען שפּילן זיך מיט זיי!

DER ZEIGER

Ich hob lib dem zeiger, di redlech, dos klapn,
Vi es loift der groiser vaizer dem kleinem tzu chapn.

Der zeiger iz a yachsn, s'kukt yeder im on;
A sheinem platz farnemt er, same oibn on.

Er arbet shvere shoen, pinktlech, loit der tzait. . . .
M'tzeilt zaine sekundn; fun nont un fun vait. . . .

Shtendig is er oif der vach. Gib nor a drei, a tzi.
Ein zach nor fardrist mich—er vekt mich oif tzu fri!

IN DROISN FALT A SHNEI

In droisn falt a shnei,
In hoiz es yogt a vint;
Lozt mich mame nit arois,
Zi zogt: du bizt a kind!

Nemt zi mich farn hant,
Leight in betl mich arain;
Dekt mit a koldre tzu,
Gut varm zol mir zain.

Kuk ich durch a shpeltl tzu,
Vi m'shpilt zich mitn shnei.
Un vart: ich vel a groiser zain,
Konen shpiln zich mit zei!

ווי גוט עס איז צוזאַמען!

איך זע אין הימל אַזויפיל שטערן,
און יעדער שטערן איז פאַר זיך זייער שיין.
אָבער פאַרוואָס זיינען זיי ווייט אָפּגעזונדערט,
ווי יעדערער וואָלט לעבן פאַר זיך נאָר אַליין?

ווען זיי וואָלטן אַלע שיינען צוזאַמען,
וואָלט דאָך די וועלט גענאָסן דערפון.
אָן שלאָפן וואָלט מען אינגאַנצן פאַרגעסן,
טאָג און נאַכט וואָלט געשיינט נאָר די זון! . . .

אַ וואונדער . . .

איך האָב געלייענט אין אַ בוך,
נאָר ניט ריכטיק דאָס באַנומען,
אַז פון שטויב עס איז דער מענטש
אויף דער וועלט געקומען.

אויב דאָס זאָל ריכטיג זיין,
ווערט פאַר מיר אַ וואונדער:
פאַרוואָס אונדזער שכן האָט
אַזויפיל שטויב און ווייניג קינדער?...

VI GUT ES IZ TZUZAMEN!

Ich ze in himl, azoifil shtern
Un yeder shtern is far zich zeier shein
Ober far vos zainen zei vait, opgezundert,
Vi yederer volt lebn far zich alein?

Ven zei voltn ale shainen tzuzamen,
Volt doch di velt genosn derfun.
On shlofn volt men ingantzn fargesn;
Tog un nacht volt geshaint nor di zun!

A VUNDER

Ich hob geleient in a buch,
Nor nit gut dos banumen:
Az fun shtoib es iz der mentsh
Oif der velt gekumen.

Oib dos zol richtig zain,
Vert far mir a vunder,
Farvos unzer Shochn hot
Azoifil shtoib un veinig kinder?